יידען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 30 גראשען

היינט 20 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 150 | Łódź, Piątek, 30 czerwca 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, ו' תמוז תרצ"ג | № 150

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# מארד-געהיימניש פון ד"ר ארלאזאראוו נאך אלץ נישט אויפגעקלערט

## א בייער ארעסט אונטער'ן חשד פון מארד. — דער נייער ארעסטירטער איז א קאמוניסט. — וואס די פאליציי ערקלערט וועגען דער אויספארשונג. — סטאווסקי האט איז דער קריטישער נאכט פערבראכט אין האטעל „חורגמן" אין ירושלים. — קאנפראנטאציע צווישען סטאווסקי'ן מיט'ן ירושלים'ער האטעל-בעזיצער. — ארעסטירט 2 אראבער אלס פערדעכטיגע אין מארד

## ד"ר ארלאזאראוו האט פאר'ן טויט נישט געזאגט, אז זיינע מערדער זענען נישט-יודען

### ארעסטירט מיכאל בראנשטיין

ירושלים, 29. (יט"א טעלעגראפיש) די פרעסע ברענגט ווייטערע סענסאציאנעלע ידיעות וועגען דער אויספארשונג ארום דעם מארד פון ד"ר חיים ארלאזאראוו.

אט איז מען וויטער מודיע, אז מען האט ארעסטירט דעם בעקאנטען קאמוניסט מיכאל בראונשטיין, וועלכען מען איז חושד, אז ער האט זיך בעטייליגט אינ'ם ארלאזאראוו-מארד.

### פאליציי פיהרט די אויספארשונג אין פערשידענע ריכטונגען

ירושלים, 29. (יט"א טעלעגראפיש) פון פאליציאישע קוועלען פערזיכערט מען, אז הגם עס ווערט ווייטער געפיהרט די אויספארשונג וועגען סטאווסקיס אנטייל אינ'ם מארד, ווערט די אויספארשונג פונדעסטוועגען אויך געפיהרט אין אנדערע ריכטונגען, כדי צו ענטדעקן אלע בעטייליגטע אינ'ם מארד.

### וועגען די לעצטע מינוטען פון ד"ר ארלאזאראוו

ירושלים, 29. (יט"א טעלעגראפיש) א מאסגעבענדע פערזאן, וועלכער איז געשטאנען ביי דער גסיסה פון טראגיש-אומגעקומענעם ד"ר ארלאזאראוו, לייקענט קאטעגאריש די ידיעה, אז דער פערשטארבענער זאל האבען געזאגט, איידער ער האט פערלוירען דאס בעוואוסטזיין, אז זיינע מערדערס זענען געווען נישט יודען.

די זעלבע פערזאן שטעלט פעסט, אז ד"ר ארלאזאראוו האט וועגען דעם גארנישט געזאגט.

• • •

ירושלים, 29. (ספ. טעל.) די אויספארשונג וועגען מארד איבער ד"ר ארלאזאראוו ווערט ווייטער געפיהרט אין עטליכע ריכטונגען.

נעכטען איז אברהם סטאווסקי ווידער פערהערט געווארען דורכ'ן אויספארשונגס-ריכטער. דער פערהער האט געדויערט גאנצע 4 שעה.

ס'איז אויך פארגעקומען א קאנפראנטאציע מיט'ן האטעל-אייגענטימער און מיט א גאסט פון האטעל, וואו סטאווסקי האט אנגעגעבען, אז ער האט דארט פערבראכט די קריטישע נאכט.

נאכ'ן אנקוקען סטאווסקי'ן האבען ביידע, סיי דער האטעל-אייגענטימער, סיי דער גאסט, קאטעגאריש ערקלערט, אז סטאווסקי האט זיך אין דער קריטישער נאכט געפונען אין ירושלים ביי זיך אין האטעל-צימער.

ירושלים, 29. (ספ. טעל.) צו דער פאליציי קומען אן אהן אויפהער פיל אנאנימע בריף וועגען די מעגליכע מערדער פון ד"ר ארלאזאראוו. נישט קוקענדיג אויפ'ן אנאנימען כאראקטער פון די בריף, ווערט דאך זייער אינהאלט גענוי אויסגעפארשט דורך דער פאליציי. אין איינעם פון די דאזיגע בריף זענען אנגעגעבען גענוי די נעמען פון 2 אראבער, וועלכע זאלען האבען אויסגעפיהרט דעם מארד.

ביידע אראבער זענען שוין ארעסטירט געווארען. מ'האט ביי זיי געפונען געוועהר.

תל-אביב, 29. (ספ. טעל.) די אלע ידיעות, וואס מען פערשפרייט אין אויסלאנד, אז ארלאזאראוו האט פאר'ן טויט ערקלערט, אז איהם האבען ערמארדעט נישט יודען, זענען פאלש. פערקערט, עס ווערט פעסטגעשטעלט אז ווען ארלאזאראוו האט שפאצירט מיט זיין פרוי האט איהם דיין פרוי אויפמערקזאם געמאכט, אז מען געהט זיי נאך; דעריויף האט ארלאזאראוו געענטפערט: „האסט נישט וואס מורא צו האבען, דאס זענען דאך יודען".

תל-אביב, 29. (ספ. טעל.) עס קורסירען קלאנגען, אז די פאליציי האט געפונען די שפורען פון דעם צווייטען מאן, דעם „נידריגען, ארינטאלישען טיפ", וואס האט געשאסען צו ארלאזאראוו'ן (סטאווסקי ווערט בעשולדיגט, אז ער האט צוגעלויכטען מיט'ן עלעקטרישען לעמפעל) און וועלכער איז אנטלאפען.

### בעפרייט די ארעסטירטע יודישע יונגעלייט אין בערלין

אינסברוק, 29. (יט"א טעלעגראפיש) די יודישע יונגעלייט, וועלכע זענען ארעסטירט געווארען אין בערלין אויף דער טרויער-פערזאמלונג צום אנדענקען פון ד"ר ארלאזאראוו, זענען צומארגענס בעפרייט געווארען, נאכדעם ווי זיי זענען געווען אין היטלעריסטישען ארעסט א גאנצע נאכט.


זאל פילהארמאניע

נארוטאוויטשא 20

מארגן, שבת, דעם 1 יולי 1933

9 א זייגער אין אווענד קומט פאר דער

צווייטער •••• ••••

גראנדיעזער לידער-קאנצערט



מ. נ. רובין

פון וועלט-בעריהמטען קינסטלער

אין זיין רייכען פערשידענארטיגען פראגראם:

ערשטע טייל:

1) היידא וויא, ווערטער - בערהאלץ, מוזיק - טרילינג.
2) דער אלטער שומר, ווערטער און מוזיק - ס. גאליב.
3) מלוה מלכה, ווערטער-סטוטשקאוו, מוזיק - סעקונדע.
4) 4 סטרונעס, ווערטער - פריג, מוזיק - וויינבערג.
5) די באלאדע פונ'ם קעניג, וואס האט אליין געבראכט די שיך צום שוסטער, ער זאל זיי איהם פאריכטען.
6) „דער רבי, די רביצן און עך" ווערטער-מ. ל. האלפערן, מוזיק-סעקונדע

צווייטע טייל:

1) אין חדר, ווערטער און מוזיק - מילנער.
2) ערגיץ ווייט, ווערטער - כאריק, מוזיק - יאמפאלסקי.
3) קארוסעל, ווערטער - מאריקיש, מוזיק - יאמפאלסקי.
4) דער למדן, ווערטער - רונד, מוזיק - סעקונדע.
5) שרה רבקה פון ראכמעסטריווקע.
6) כ'וויל נישט געהן אין חדר ווערטער - שלום עליכם, מוז.-רומשינסקי
7) א שאלה צום רבי'ן הומארעסקע

ביים קלאוויר: לאלא אראבסאז

אימפרעס.: ל. פינקעל.

בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע.

# פיניעלע מזיק

## פאהרט אויף א קורצען אורלויב



ווען מיר גיזינט, איך פיניעלע, פאהר אף ...

וואס איז? ס'פאסט מיר נישט?

צו וואס דארף מע וויסען אז איך, פיניעלע, פאהר אף אורלאפ? נו, ווער דארף וויסען, אז זיי, די גרויסע יאטן, די דאזארצעס, די קנאלטוערס, די כוילימניקעס, און לעכימניקעס, די שאצובקאיוע ... אין די פליטים־שטיצער־ס און ... — צו וואס. בעדארף מען וויסען, אז זיי פאהרען אף אורלאפ, פונ־עסטוועגען שראבען די גאנטען אז דער און דער קנאלטוער איז געפאהרען אף אורלאפ — ווער בעדארף דאס וויסען, יושר? ווער איז אייסיק איז דאס? אלעווי װאלטען זיי אייביק ... אף אורלאפ. וואלטען לאדזער יודען ... פון א לעבען.

און אויב יענע יאטען שראבען אין די גאזעטען, וויל איך, אז די גאזעטען זאלען וויסען, אז איך, פיניעלע, פאהר אויך אף אורלאפ.

זאל מיר געזונט!

## זיי פייפען נאך

א לאדזער יוד זאגט, אז מיט די באהנען איז נישט אזוי שלעכט ווי מיט די לאדזער פאבריקען
— דהיינו?
— די לאקאמאטיוען פייפען נאך.

## א פראקטישער מענש

מאן: צו וואס טויגען דיר די בלומען
פרוי: ס'זאל שמעקען.
מאן: דו נאר, פאר דעם זעלבען געלד, האסטו דאך געקענט ברענגען א געריכערטען הערינג, וואלט געווען צוויי זאכען: ס'וואלט געשמעקט און מ'וואלט זיך געקענט ס'הארץ דערכאפען.

## שפאניען פראטעסטירט

— האסט געהערט? שפאניען פראטעסטירט קעגען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד.
— זי האט מורא, אז די יודען פון דייטשלאנד זאלען נישט קומען קיין שפאניען.

# פון ארץ־ישראל

## ביים אויסשטייגען פון דער שיף

מ'דערצעהלט, אז די לעצטע צייט, בעת'ן אויסשטייגען פון דער שיף אין חיפה, פרעגט מען די טוריסטען:

זייט מוחל, איהר זענט געקומען קיין ארץ־ישראל פון איבערצייגונג צו פון בערלין.

# מיט'ן גלעזעל אויף די ליפען

## האט ער אויסגעהויכט זיין נשמה

די טעג איז אין לאדז געשטארבען א פערזאלטונגס־מיטגליד פון דער חברה „פה לשתות״. פאר'ן טויט האט ער צוגערופען זייבע פשיאטשעלעס און האט צו זיי געזאגט:

איהר זעהט דאך מייגע פריינד, אז „ס'פלעטעל געדיגט זיך״, דא האט איהר 5 זלאטעס, און אז ס'וועט זיין ביי מיין לייה, זאלט איהר אויפן בית־החיים אריינגעהען אין דער שענק און ... פאר מיין געזונד״.

# דער אפטייקער פערשטעהט

## וואס ער האט צו טון

אנ'אלטשטעטער יוד האט בעקומען א פוילישען בריף מיט אזא צעקאליעטשעטער האנדשריפט, אז קיינער האט איהם נישט געקענט איבערלייענען, האט זיך דער יוד מישב געווען און געגאנגען צום אפטייקער, וועלכער קען לייענען די שלעכסטע האנדשריפט.

דער אפטייקער האט א ווילע אריינגעקוקט און געזאגט:

קומט אין אשעה ארום.

אין א שעה ארום, אז דער יוד ... געקומען אין דער אפטייק, האט דער אפטייקער איהם דערלאנגט א פלעשעל:

— ס'קאסט 3 זלאטעס מיט 50 גראשען. 3 מאל טעגליך צו'עס־לעפעל.

# א זיכער ארט

## וואו צו בעהאלטען א ביימעלע

זאג מיר, יונה, וואו בעהאלסטו ס'ביימעלע אז דו ווילסט זיכער זיין, אז דיין ווייב וועט עס נישט פאקען?

— איך בעהאלט עס אויף אזא אר־ט, וואס איך בין זיכער, אז זי קומט קיינמאל נישט צו.

— דהיינו וואו?

— אין קאך, וואו זי לעגט אוועק די נישט געצעי־עוועטע שקארפעטקעס.

# די לעצטע מאדע

## אין יאהר 1933

מענדעל סטאוואק האט א טבע זיך צולאזען מאכען אנצוגען און דעם שניידער נישט בעצאהלען.

די טעג טרעפט ער דעם שניידער, פרעגט ער איהם: פאניע איקס, וואסערע אנצוגען טראגט מען דעם היי־יאהריגען זומער?

— בעצאהלטע — האט דער שניידער געענטפערט.

# פאר'ן בעסערען לעזער

צוויי יודען לייענען, ווי געוועהנליך אין צייטונג, פרעגט איינער דעם צווייטען:

— זאג מיר, העניך, פארוואס איז דא א ווייסער פלעק (קאנפיסקירטער ארטיקעל).

— דאס איז, האט דער ערשטער געענטפערט א ידיעה פאר די גוטע לעזער, וואס קענען לייענען פון אויבווייניג.

# דער קלוגער פעטער

## נאר אביסעלע גערולד!

מאקס דראנג האט זיך געקלאגט פאר זיין פעטער היים ציבעלפלעצעל.

— פעטער היים, האט מאקס געזאגט — איך בין אומגליקליך. 3 יאהר גייה איך שוין מיט א מיידעל און איהרע עלטערן ווילען נישט מסכים זיין אויף שידוך, ס'קומט מיר אויס נאר דאס לעבען זיך צו נעמען.

— זיי נישט קיין נאר, האט איהם דער פעטער בערוהיגט, דער עיקר איז גערולד. נעם למשל מיך, איך האב אויך אויף מיין ווייב געווארט גאנצע 30 יאהר. 5 יאהר ביז איך האב מיט איהר חתונה געהאט, און 25 יאהר ביז איך האב זי בעגראבען.

# 2 ביינאכט

## וואס ס'טרעפט זיך

יודיגע (קלאפט־אן ביי דער שכנטע 2 ביינאכט): גילדענע, כ'בעט איהן, באָרגען זי מיר ס'ווארגעלהאלץ.

שכנטע: כ'קען איהן, לאכטיגע ס'ווארגעלהאלץ נישט באָרגען, ווייל מיין מאן איז אויך נאך נישטא אין דער היים.

# צו א „פעקעל״ קומט עס נישט

## געשפרעך אין א לאדזער מאנופאקטור־געשעפט

פראוויזצער כוהר: קויף דעם „פעקעל״ וועל איך אייך געבען 25 פראצענט געלד, און די רעשט וועקסלען.

פאבריקאנט: די ציינוגגען האבען דאך געשריבען, אז איהר זענט אנ'אנזעצער.

סוחר: ווער לייענט עס היינטיגע ... צייטונגען..


# דער קונדס

הומאר ● סאטירע ●

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאגע צום נייעם פאלקסבלאט נומער 150

פרייטאג, דעם 30 יוני 1933


# קאלט און ווארעם

ס'איז ביי אונז דאך קאלט א מורא,
אלץ פערקיהלט, פערגליווערט ווערט,
ווי עס וואלט זיך דארט אין הימעל,
אלץ געמאכט איצט פונקט פערקעהרט..

בלויז אין דייטשלאנד איז איצט תמוז,
און נישט דווקא אויף א וויץ, —
היטלער, גערינג, פריק און געבעלס —
אלעס רעדט דארט ווי פון היץ....

ס'זעהט דארט אויס — מען שיסט קאנאנע,
קאמאנדובקע מאכט זיך דארט...
ס'איז נישט שייך דאך צו זאגען:
די „קולטור״ עס ארבייט פארט...

מאכט זיך אויך א לב ס'פאצעטל,
ווען די קעלט אין יובי יאגט,
און אנשטאט ס'פערזעצטע פעלצע
א קאנאנדל הייס ער טראגט...

ס'איז איהם טאקע גוט און ווארעם,
ס'קליידט איהם דאך — מאדערן, שיין,
און מיט דעם קאנאן הקטן
איז ער גרייט אין קריג צו גיין!

אליבאבא.

# א מיטער געגעז

## פערקיהלונג...



דער ווינטער־פאלטען לינט אין לאמבארר. דער זומער־פאלטען איז אין מאגאזין אזוי פאר א גריפע האט ער מורא. איז דער פאצעט געפאלען אויף אזא המצאה

